**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער זיך צו באטייליגן אין "ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער" אויפהאלטונג טעג**

***אנטיילנעמער וועלן פייערן ניו יארק'ס עפנטליכע ערטער דורכן וואלונטירן אין רייניגונג און אויפהאלטונג געשעענישן אריבער די סטעיט***

***געשעענישן רעכענען אריין קאנאל רייניגונג פון אפריל 19-21 און "איך האב ליב מיין פארק" טאג אום מאי 4***

***באמיאונגען זענען אין איינקלאנג מיט גאווערנער האקול'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אנאנס צו איינפלאנצן 25 מיליאן ביימער אריבער ניו יארק סטעיט ביז 2033***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט אגענטורן און שותפים וועלן פייערן א סעריע פון 'אויפהאלטונג טעג' צו העלפן באווייכערן פארקס, היסטארישע ערטער און עפנטליכע לענדער. אויפהאלטונג פראיעקטן דורכאויס פיר געשעענישן וואס וועלן אפגעהאלטן ווערן דורכאויס די יאר וועלן ציהען אויפמערקזאמקייט און זעהבארקייט צו די סטעיט'ס פילע דרויסנדיגע פארוויילונג פלעצער און די געברויכן פון די פלעצער דורכאויס די "ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער" אויפהאלטונג טעג ( Love Our New York Lands Stewardship Days).

"מיט א רעקארד-הויכע צאל ניו יארקער און באזיכער אויסנוצנדיג די ערשט-קלאסיגע דרויסנדיגע פארוויילונג געלעגנהייטן וואס אונזער סטעיט האט צו אפפערן, האבן מיר אן אחריות צו היטן אויף די פאראלעלאזע שיינקייט פון ניו יארק'ס דרויסנדיגע ערטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך לאדן איין אלע ניו יארקער צו ווייזן געניו ווי שטארק זיי האבן ליב אונזערע ניו יארקע לענדער און אויסנוצן די געלעגנהייטן זיך צו משתתף זיין אין די אויפהאלטונג כדי צו שטיצן די ענווייראמענטאלע און קולטורישע רעפוטאציע פון אונזערע סטעיט לענדער."

כדי צו שטופן פאר גאנץ-יאריגע אויפהאלטונג אחריות, איז די ציהל פון די "ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער" קאמפיין צו העלפן באשיצן די סטעיט'ס נאטורליכע אוצרות דורכן גיבן פאר באזיכער די וויסנשאפט וואס איז נויטיג צו רעדוצירן זייערע נעגאטיווע ווירקונגען, ארבעטן צוזאמען מיט באניצער זיך צו אויפפירן אחריות'דיג צו די סביבה און זיין זיכער ביים פארוויילן און העלפן אלע באזיכער פילן אינדערהיים ביים באזוכן סטעיט לענדער. די באמיאונגען צו באווייכערן ניו יארק'ס עפנטליכע לענדער זענען אין איינקלאנג מיט גאווערנער האקול'ס פלאן צו איינפלאנצן 25 מיליאן ביימער אריבער ניו יארק סטעיט ביז 2033, אנאנסירט דורכאויס איר 2024 סטעיט אָוו די סטעיט.

בשותפות מיט Parks & Trails New York (PTNY), די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation), די ניו יארק

סטעיט קאנאל קארפארעישען (Canal Corporation) און דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) וועלן שטיצן וואלונטיר געלעגנהייטן אריבער די סטעיט וואס וועלן זיך אנהויבן מיט די קאנאל רייניגונג (Canal Clean Sweep) פון אפריל 19-21. געשעענישן וואס וועלן נאכפאלגן רעכענען אריין "איך האב ליב מיין פארק טאג" ( I Love My Park Day) אום מאי 4, עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק טאג ( Adirondack and Catskill Park Day) אום סעפטעמבער 7 און פיש און ווילדע באשעפענישן טאג (Fish and Wildlife Day) אום סעפטעמבער 28.

רעגיסטראציע איז יעצט אפן פאר די 19'טע יערליכע קאנאל רייניגונג אום אפריל 19-21. די יערליכע רייניגונג געשעעניש ווערט אפגעהאלטן אריבער די ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם און קאנאלוועי טרעיל מיט איבער 170 וואלונטיר געשעענישן פון וועלכע צו אויסוועהלן. באזוכט [www.ptny.org/canalsweep](http://www.ptny.org/canalsweep) זיך צו איינשרייבן פאר די געשעעניש וואו איר וואלט זיך געוואלט באטייליגן. מאכט זיכער צו אוועקלייגן די טאג און צייט אזוי ווי רוב געשעענישן קומען פאר דורכאויס די סוף וואך פון אפריל 19-21.

די 13'טע יערליכע "איך האב ליב מיין פארק טאג" וועט פארקומען אום מאי 4 מיט רעגיסטראציע זיך עפענענדיג אפריל 3. דאס איז די גרעסטע סטעיט-ברייטע וואלונטיר געשעעניש וואס באריכערט אונזערע עפנטליכע לענדער, מיט וואלונטירן זיך באטייליגנדיג דורכן אויפרייניגן שמוץ, איינפלאנצן ביימער און גערטנער, פארעכטן טרעילס און וואוינונג ערטער פון ווילדע באשעפענישן, אויסראטן אריינדרינגענדע חיות און ארבעטנדיג אויף פארשידענע פראיעקטן צו פארבעסערן די פלאץ. מער אינפארמאציע קען געפונען ווערן אויף [https://www.ptny.org/ilovemypark](https://www.ptny.org/ilovemypark).

נייע געשעעניש געלעגנהייטן וועלן זיין זיך צו באטייליגן מיט דעם עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק טאג אום סעפטעמבער 7 און דעם פיש און ווילדע באשעפענישן טאג אום סעפטעמבער 28. די געשעענישן וועלן ארויסהייבן די אייגנארטיגע וואלד פרעזערוו לענדער וואס געפונען זיך אין ניו יארק סטעיט און זיי וועלן באריכערן אפהיטונג פון ווילדע באשעפענישן און פארוויילונג פארבינדן מיט ווילדע באשעפענישן. מער אינפארמאציע וועט פארעפנטליכט ווערן אויף [https://www.ptny.org/lovenylands](https://www.ptny.org/lovenylands).

"ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער" אויפהאלטונג טעג קומען אזוי ווי ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פייערן די 100'סטע יארטאג פון די סטעיט פארקס סיסטעם. פייערנדע אינציאטיוון רעכענען אריין ['Blazing A Trail'](#) (אויספלאסערטנדיג א וועג), אן אינטעראקטיווע פארשטעלונג פון די היסטאריע פון די אגענטור און איינפלוסרייכע פיגורן; [אן אויסשטעלונג](#) אין די ניו יארק סטעיט קאפיטאל געביידע'ס 'סטעיט סטריט טונעל' וואס איז יעצט ארויסגעלייגט; דער ['טיילט מיט אייער געשיכטע' (Share Your Story)](#) [פראיעקט](#) וואס לאדנט איין מענטשן צו דערציילן זייערע אייגענע געשיכטעס אין פארבינדונג צו פארקס און ערטער; די [הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש](#) (Centennial Challenge) וואס ערמוטיגט מענטשן צו געווינען פרייזעס דורכן זיך באטייליגן אין פארשידענע אקטיוויטיי פארקס און ערטער; און די פארעפענטליכונג פון די [הונדערטסטע יארטאג קאלעקציע](#) וואס רעכנט אריין העמדער, דזשאקעטן, גלעזער און מער. נאך אינציאטיוון וועלן אנאנסירט ווערן דורכאויס 2024.

**Parks & Trails New York עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פאול סטילי ווייט, האט געזאגט**, "א דאנק די אויסערגעוועהנליכע פירערשאפט און אינוועסטירונג אין לעצטערע יארן, האבן ניו יארקער אנגעהויבן אננעמען זייער עפענטליכע לענדער! די שטארקע געפיהל פון אייגנטומערשאפט איז אוודאי א זאך צו געפייערט ווערן, און יעצט – מיט די וואונדערבארע רייע פון וואלונטיר געשעענישן – ווערט עס אויסגעברייטערט און ערמוטיגט. גרויסארטיגע און עפנטליכע ארויסווייזונגען פון זיך קימערן זענען די מערסט פארלעסליכע אנדייטונגען אז אונזערע באליבטע פארקס און פרעזערוון פונקציאנירן ווי עס דארף צו זיין."

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאָנס, האט געזאגט,** "א דאנק פאר אונזערע שותפים ביי Parks & Trails New York פארן ארגאניזירן און אויסברייטערן די געלעגנהייטן צו מכיר טובה זיין און שטופן מענטשן צו זיין אחריות'דיג. אונזערע וואלונטירן זענען קריטיש ביים מאכן אונזער סטעיט פארק סיסטעם פאר די סאמע בעסטע אין דאס לאנד, און מיר קוקן ארויס צו באגרוסן וואלונטירן פאר די געשעעניש און אינספירירן דעם קומענדיגן דור פון באזיכער צו העלפן היטן און אויפהאלטן אונזערע געוואלדיגע עפנטליכע לענדער."

**ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען דירעקטאר, ברייען יו סטרעטאן, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר צו האבן די 19'טע יערליכע קאנאל רייניגונג זייענדיג די אנהויב פון די 'ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער' אויפהאלטונג טעג היי יאר. יעדער פרילינג, קומען זיך הונדערטע וואלונטירן צוזאמען ביי מערערע קאנאל רייניגונג געשעענישן צו זיכער מאכן אז די קאנאלוועי טרעיל איז אויפגערייניגט און גרייט צו אויפנעמען די מיליאנען פון פארוויילונג ליבהאבער וואס וועלן עס באזוכן אין די בעפארשטייענדע חודשים. אזוי ווי מיר גרייטן זיך פאר די אנהויב פון אונזער 200'סטע נאוויגאציע סעזאן אין א צי דעם מאי און פאר די ערי קאנאל"ס צוויי הונדערטסטע יארטאג אין 2025, איז די קאנאל רייניגונג א ביישפיל פון אונזער פארפליכטונג צו זיין גוטע ענווייראמענטאלע פארוואלטער כדי צוקונפטיגע דורות זאלן קענען געניסן פון די געוואלדיגע מיטל."

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "נייע און צוריקקומענדע באזיכער צו ניו יארקע לענדער העלפן פארמערן די פובליקום'ס אנערקענונג פון די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע און פארוויילונג אוצרות. די 'ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער' קאמפיין זעצט פאר צו שטופן פאר זיכערע און אחריות'דיגע פארוויילונג און די געשעענישן מיט Parks & Trails New York און מיט אונזערע סטעיט אגענטור שותפים, און זיי פארשטערקערן אונזערע באמיאונגען צו באשיצן סטעיט לענדער און שטחים דורכן מוטיגן באזיכער צו פלאנירן פון פאראויס, באזוכן פאראנטווארטליכערהייט און היטן אויף פרינציפן פון נישט איבערלאזן קיין שפורן (Leave No Trace™) כדי צו צוזאמען היטן אויף עפנטליכע לענדער פאר פילע קומענדיגע דורות."

**איבער Parks & Trails New York**
Parks & Trails New York איז ניו יארק'ס הויפט שתדלנות גרופע איבערן סטעיט פאר פארקס און טרעילס, איבערגעגעבן זינט 1985 צו פארשטערקערן אונזער געזונטהייט, עקאנאמיע און קוואליטעט פון לעבן דורך דאס באנוץ און פארגעניגן פון גרינע שטחים פאר יעדן איינעם. מיט טויזנטע מיטגלידער און שטיצער ארום די סטעיט איז PTNY א פירנדע שטימע פאר די באשיצונג פון ניו יארק'ס פרעכטיגע סטעיט פארק סיסטעם און פאר דאס אויפשטעלן און אדווערטייזן מער פון 1,500 מייל פון גרינע וועגן, וועגן פאר ביציקלער, וועגן אויף די זייט פון טייכן און טרעילס. מער אינפארמאציע קען געפונען ווערן דא.

**איבער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג**
די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וואס האבן געזעהן דורך א רעקארד-הויכע צאל פון 84 מיליאן באזוכן אין 2023. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע עפּ NY State Parks Explorer אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, X (וואס פלעגט הייסן Twitter) און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

**איבער ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג**
די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג איז די פארוואלטער פון פינף מיליאן אקער פון עפנטליכע שטחים, אריינרעכנענדיג דריי מיליאן אקער אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל

אפגעהיטענע וועלדער, 55 קעמפינג שטחים און פלעצער צו גענוצט ווערן דורכאויס די טאג, מער פון 5,000 מייל פון אפיציעלע טרעילס און הונדערטע טרעיל אנהויב פונקטן, שיפלעך פארטן און דעקן צו כאפן פיש. פלאנירט אייער קומענדיגע דרויסנדיגע אוואנטורע, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, X (וואס פלעגט הייסן Twitter), Flickr און Instagram.

**איבער די ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם**
ניו יארק'ס קאנאל סיסטעם רעכנט אריין פיר היסטארישע קאנאלן: די ערי, טשעמפלעין, אסוויגאָ און קאַיוּגע - סענעקא. פארשפרייט איבער 524 מייל, פארבינדט די וואסער שטרומים די האדסאן ריווער מיט די 'גרעיט לעיקס', די פינגער לעיקס און לעיק טשעמפלעין. די קאנאלן זענען די רוקן ביין פון די 'ערי קאנאל נאציאנאלע העריטעדזש וועג' (Erie Canalway National Heritage Corridor) און פארבינדט הונדערטע אייגנארטיגע קאמיוניטיס. די ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען איז א קערפערשאפט אינערהאלב די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority). גיבט א 'לייק' פאר די קאנאלן אויף Facebook אויף NYS Canal Corporation און פאַלאָוט די קאנאלן אויף Twitter אויף @NYSCanalCorp.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן